**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/16/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול פאראדענט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג צו פארברייטערן טריקעניש באוואכונג

***מאפע פון ניו יארק סטעיט טריקעניש אומשטענדן קען מען געפונען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט פאראדענט פאר׳ן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג ארויסצוגעבן א גע׳אפדעיט׳עטע טריקעניש באוואכונג נאכ׳ן זיך באראטן מיט דער סטעיט טריקעניש פארוואלטונג טעסק-פאָרס און פעדעראלע צוזאמארבעטער אגענטורן. די באוואכונג נעמט איצט אריין רוב ניו יארקער קאונטיס אויסער די וואס געפונען זיך אין די אדיראנדעק, מזרח גרעיט לעיקס, און ניו יארק מעטראפאליטען ראיאנען. ניו יארק סטעיט מוטיגט איינוואוינער אין אפעקטירטע קאונטיס, איבערהויפט אזעלכע וועלכע זענען אנגעוויזן אויף פריוואטע וואסער קוועלער, צו שפארן וואסער ווען אימער מעגליך במשך די קומענדע וואכן.

״טראצדעם וואס לעצטערע רעגנס האבן געהאלפן, האלטן נאך אן ווייטער גאר הארבע טריקנקייט אומשטענדן לענגאויס דעם סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״ניו יארקער זאלן נעמען טריט צו קאנסערווירן וואסער ווען אימער מעגליך אין די ערטער איצט אונטער א באשטימטע טריקעניש באוואכונג. איינפאכע טריט צו רעדוצירן וואסער באניץ וועט זיין קריטיש-וויכטיג פאר אונזערע באמיאונגען צו העלפן פארמיידן די טריקעניש אומשטענדן פון נאך ערגער ווערן.״

די קאונטיס אונטער טריקעניש באוואכונג קען מען געפונען [דא](#). א באוואכונג איז דער ערשטער פון פיר שטאפלען פון סטעיט טריקעניש בארעטונגען: באוואכונג, באווארענונג, עמערדזשענסי, און קאטאסטראפע. קיין שום פארלאנגטע באגרעניצונגען ווערן נישט איינגעפירט אונטער א סטעיט טריקעניש באוואכונג.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״די הויי-יעריגע קלענערע מאס פרעציפיטאציע ווי געווענליך און העכער ווי געווענליכע טעמפעראטורן טוען אינאיינעם נאך ערגער מאכן די נידעריגע שטראם פליסונגען, רעדוצירטע קוואל-וואסער מאסן, און אנגייענדע ווילדפייער איינגעשטעלטקייט. DEC וועט ווייטער האלטן א נאענט אויג אויף וואסער שטאפלען און די ענווייראנמענטאלע אימפאקטן פון די טריקענע אומשטענדן, און וועט ראטן איינוואוינער לענגאויס דעם סטעיט צו אכט געבן אויפ׳ן באניץ און פארמיידן אומזיסטע וואסער אויסניץ.״

א העכערע צאל וואסער פארזארגונג פלאגענישן ווערן איצט באריכטעט צוליב די טריקענע אומשטענדן. נידעריגער ווי געווענליכע פרעציפיטאציע במשך די לעצטע דריי חדשים, נידעריגע שטראם פליסונגען און נידעריגע קוואל-וואסער שטאפלען פאדערן דרינגענד דאס פארברייטערן דעם באוואכונג סטאטוס אויף צו פארזיכערן גענוג פובליק וואסער קוועלער. ארטיגע פובליק וואסער פארזארגער ווערן געמוטיגט

אפצושאצן די איצטיגע אומשטענדן, שטיצן דאס פרייוויליג שפארן וואסער, און נעמען פאסיגע שריטן זיך צו באווארענען.

ניו יארק סטעיט טריקעניש ראיאן IIA, וואס נעמט אריין ניו יארק סיטי און וועסטשעסטער, בלייבט אין געוועגליכן סטאטוס צוליב א סיפוק פון סטאָרעדזש שטאפלען און די ווידער-אנפיל אויסזיכטן פון ניו יארק סטעיט רעזערוואַרס. לויט דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענוויראָנמענטאלע אפהיטונג (DEP), זענען די שטאט׳ס רעזערוואר׳ס אומגעפער ניין פראצענט קלענער ווי געוועגליך פאר דעם צייט פון יאר, מיט 422 ביליאן גאלאנען איצט אין סטאָרעדזש, אין פארגלייך צו די געוועגליכע 469 ביליאן גאלאנען. DEC ארבעט ווייטער נאענט מיט DEP צו האלטן א נאענט אויג אויף רעזערוואַר אומשטענדן און מוטיגט דאס פאראנטווארטליכע וואסער באניץ, איבערהויפט אינדרויסן, אפגעזען די הידראָלאָגישע אומשטענדן אדער סעזאן.

די טריקעניש באוואכונג קומט אלס רעזולטאט פון דער סטעיט טריקעניש אינדעקס, וועלכס צייגט די מאס אטמאספערישע אפזעץ, רעזערוואר / לעיק הויעקקייטן, און טייכל פליסונג און וואסער קוועלער שטאפלען אין די ניין טריקעניש ראיאנען פונ׳ם סטעיט. פאר יעדע פון די סימנים ווערט באשטימט א געוויכט-ציפער לויט איר ווירקונג אויף פארשידענע ערליי באניצונגען אין א ראיאן. דער סטעיט טריקעניש אינדעקס איז אנגעשפיצט צו די ספעציפישע אייגנשאפטן פון ניו יארק און קענען זיין עטוואס אנדערש פון געוויסע נאציאנאלע טעכנישע טריקעניש אפשאצונגען.

DEC און ״יו-עס געאלאגישע איבערזיכט״ ארבעטן בשותפות אפצושאצן וואסער אומשטענדן לענגאויס ניו יארק סטעיט. בנוסף צו דעם, טוט DEC שטיצן באמיאונגען דורך ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן און פאראינטערעסירטע פארטייען אונטערצונעמען אפהיט מאסנאמען לויט ספעציפישע ארטיגע צושטאנדן. אבזערווירטע פרעציפיטאציע (רעגן געפאלן אויף דער ערד) איז געווען ווייניגער ווי נארמאל, מיט א געמאסטענע חסרון פון צוויי ביז זעקס אינטשעס אן אפטע פאסירונג אין די פארלאפענע 90 טעג. די טריקענע וועטער האט זיך אנגעהויבן אין פרילינג און הייבט אן מערקווירדיג אפעקטירן אנדערע ציפערן-רשימות. טייכל פליסונגען און קוואל-וואסער שטאפלען זענען היפש ווייניגער ווי נארמאל לענגאויס א גרויסן טייל פון די אפעקטירטע ראיאנען. וואסער קוועלער שטאפלען פאלן שוין איבער די לעצטערע חדשים און זיי זענען נישט ערווארטעט זיך צו פארבעסערן אין די באלדיגע צוקונפט צוליב די עקזיסטירנדע חסרון דעפיציט אין פרעציפיטאציע.

דער נאציאנאלער וועטער סערוויס פאראויס-בליק פאר דעם איבעריגן טייל פון דעם זומער טוט פאראויסזאגן העכערע טעמפעראטורן ווי געוועגליך און ווייניגער ווי געוועגליכע פרעציפיטאציע. דורך פרייוויליג רעדוצירן וואסער באניץ, און דורך זיין עקסטער פארזיכטיג מיט פייער און אינדרויסנדיגע פלאמען, קענען ניו יארקער העלפן שפארן היטן אונזערע נאטורליכע אייגנשאפטן דורכאויס די טריקענע טעג פון זומער.

צו באשיצן וואסער רעסאָרסן, ווערן היים אייגנטימער געמוטיגט צו פרייוויליג רעדוצירן אינדרויסנדיגע וואסער באניץ און נאכפאלגן די עצות:

• באוואסערט די גראז נאר ווען נייטיג, דורך וואסער מעטאדן וועלכע פארמיידן אז דאס וואסער זאל פארלארן גיין, און באוואסערן אין די אנהייב פרימארגן שעה׳ן אויף צו רעדוצירן דאס אויסוועפן און מאקסימיזירן ערד באוואסערונג;
• ניצט איבער וואסער פארזאמלט אין רעגן פעסער, דעיומידיפייערס, אדער עיר קאנדישענס צו באוואסערן פלאנצונגען;
• העכערט די הייעך פון גראז שניידער. לענגערע גראזן זענען געזונטער און מיט שטערקערעווארצלען און נייטיגן זיך אין ווייניגער וואסער;

• ניצט א בעזעם, נישט קיין שלויך, צו רייניגן דרייוו-וועיס און סיידוואָקס. און
• פאררעכט פארלעכערטע און איסרינענדיגע רערן, שלויכן, און קראנען.

פאר נאך עצות אויף וויאזוי צו שפארן וואסער, באזוכט דעם DEC׳ס וועבזייטל אויף http://www.dec.ny.gov/lands/5009.html. פאר מער אינפארמאציע איבער טריקעניש אין ניו יארק, גייט צו: https://www.dec.ny.gov/lands/68329.html

**בעלי-חיים ריזיקע**

בנוסף צו דאס פארברייטערן טריקעניש באוואכונג, טוט ניו יארק סטעיט ווייטער ראטן פאר ניו יארקער און באזוכער נאכצופאלגן די רעקאמענדאציעס איסגערעכנט אונטן אויף צו רעדוצירן די ריזיקע פון ווילדע-פייערן. די מערהייט פון ניו יארק סטעיט איז איצט אויף א הויכע איינגעשטעלטקייט פאר פייערס — זעט דער מאפע דא: https://www.dec.ny.gov/lands/68329.html. סיי וועלכע פייער אין די אפענע-לופט קען זיך גאר גיך פארשפרייטן, איבערהויפט אויב עס קומט אן א ווינט. קעמפ-פייערס זענען צווישן די הויפט פינף גורמים פון ווילדע-פייערס.

בשעת׳ן קעמפ׳ען אין מער פארווארפענע וועלדער, ווערן ניו יארקער געראטן צו:

- ניצן עקזיסטירנדע קעמפ-פייער רינגלעך וואו מעגליך;
- בויען קעמפ-פייערס אוועק פון איבער-הענגנדע צווייגן, טיף געבויגענע בארגאראפ טיילן, פארפוילטע רעשטלעך, בוים קלעצער, טריקענע גראז און בלעטלעך. איבעריגע האלץ זאל מער אפזונדערן אין א הויפן אוועק פון דעם פייער;
- רוימט אפ דעם ארומיגן ארט ארום דעם רינגל, און פירט אפ בלעטלעך, צווייגלעך און אנדערע אנצינדליכע מאטריאלן;
- לאזט נישט קיינמאל קיין קעמפ-פייער אן קיין אויפזיכט. אפילו גאר א לייכטע ווינטל קען גורם זיי פאר דעם פייער זיך געשווינד צו פארשפרייטן; און
- לעשט אינגאנצן אויס דעם פייער מיט וואסער. מאכט זיכער אז אלע קוילן, הילצלעך און שטעקעלעך זענען גוט באנעצט. רוקט אוועק שטיינער, אזוי ווי עס קענען זיין אונטער דעם ברענענדע קוילן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן